NEW

# לקוטי שיחות

PESACH חג הפסח

VOLUME 1, P. 244-253

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# AT THE REBBE'S SEDER TABLE

## Introduction

What wouldn't a chassid give to sit at his Rebbe's *Seder* table? The mere thought stirs a chassid's soul – each one imagining the scene through his own lens. For many, the highlight would be the explanations of *Hagadah* that the Rebbe would give.

For over two decades, Lubavitcher chassidim glimpsed that dream. From 5710 to 5731 (1950–1971), the Lubavitcher Rebbe would hold his *Seder* upstairs in 770, in the apartment of his revered father-in-law, the Rebbe Rayatz, as a guest of his mother-in-law, Rebbitzen Nechamah Dinah – until her passing marked the end of this chapter in Chabad history.

During the recitation of the *Hagadah* itself, the Rebbe remained silent, offering no commentary. Even at the festive meal, his remarks were few, often only in response to questions from his brother-in-law, Rabbi Shmaryahu Gourary or others present. Yet, on the second night of Pesach, after the *Seder's* conclusion, he would descend to 770 and address the chassidim, unpacking select passages with insights that resonated far beyond the night.

The *sichos* that follow spring from those post-*Seder* talks – addresses in which the Rebbe wove the *Hagadah*'s threads into a tapestry of meaning for every generation. They invite us not just to hear, but to live the lessons of the Exodus from Egypt, linking the Exodus to our own paths of redemption, both collective and personal.

# PESACH I | חג הפסח א

Adapted from a *sichah* delivered on *Pesach,* 5716 (1956)

## Introduction

The custom of the Pesach *Seder* has its roots in the Scriptural command,[1] "You shall tell your child on that day…." Basing themselves on this verse, our Sages[2] ordained many customs to engage children in the *Seder.* Perhaps the one that commands the greater prominence is the recitation of the "Four Questions."

The order of these questions in *Chabad* tradition differs from the customs of some others. In *Chabad* tradition, the first question focuses on *matbilin* – why we dip the vegetable (*karpas*) in saltwater and bitter herbs (*maror*) in *charoses.* Why begin with that rather than with *matzah*, a Scriptural commandment? Why did our Sages arrange the questions so that a mere custom takes precedence over a Divinely-ordained law?

In response, the Rebbe challenges our assumptions about religious hierarchy. While some might accord lesser significance to customs than Scriptural or Rabbinic laws, the Rebbe reveals a profound insight, particularly relevant regarding the education of children. What distinguishes Jews visibly in the world are often these very customs. They form the foundation of Jewish identity long before a child understands the significance of commandments sourced in the Torah.

By exploring the unexpected order of the four questions, the Rebbe illuminates how Jewish customs serve as the primary vehicle for instilling in us the consciousness encapsulated in the statement, "You have chosen us from all peoples."[3] This awareness becomes the bedrock upon which all other Torah observance stands, ultimately connecting us to the theme of redemption that defines the Pesach story.

---

1. *Shmos* 13:8.

2. *Pesachim* 109a.

3. As recited in the intermediate blessing of the festival in the *Shemoneh Esreh.*

# Why Customs Deserve Priority

## How Different is this Night![1]

**1. According to Chabad custom,[2] the order of the four questions is as follows: Dipping** the *karpas* in saltwater and the *maror* in *charoses*, ***matzah*****, bitter herbs, and reclining.**

**At first glance, this order is not understandable. It fits neither the importance of the actions nor the order in which the child sees** them being carried out. **According to the importance of the actions, the order** of the questions **should have** first referred to: a) ***matzah*** **— a Scriptural obligation,** then **b) bitter herbs — a Rabbinic [obligation] (in the present era),**[3] **then c) reclining — which expresses the concept of freedom, and only at the end, d) dipping — which is merely a custom.**

Alternatively, if the order of the questions depended on **what the child sees first, dipping should have been either at the very end (because the principal** dipping **is the second dipping** mentioned, **the dipping of the** ***maror*****),**[4] **or at least after reclining, since reclining is** already observed **during** ***Kiddush*****, before the first dipping.**[5]

א. מַה נִּשְׁתַּנָּה:

דֶער סֵדֶר פוּן דִי פִּיר קַשְׁיוֹת לוֹיט דֶעם מִנְהַג חַבַּ"ד[א] אִיז: מַטְבִּילִין, מַצָּה, מָרוֹר אוּן מְסֻבִּין.

אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַאַרְשְׁטַאנְדִיק: עֶס אִיז דָאךְ נִיט צוּגֶעפַּאסְט נִיט לוֹיט דֶער וִויכְטִיקַיְיט פוּן דִי עִנְיָנִים אוּן נִיט לוֹיט דֶעם סֵדֶר וָואס דָאס קִינְד זֶעט פְּרִיעֶר.

לוֹיט דֶער וִויכְטִיקַיְיט פוּן דִי עִנְיָנִים, הָאט גֶעדַארְפְט זַיְין: א) מַצָּה - אַ חִיּוּב מִדְּאוֹרַיְיתָא. ב) מָרוֹר - מִדְּרַבָּנָן (בִּזְמַן הַזֶּה[ב]). ג) מְסֻבִּין - וָואס עֶס דְרִיקְט אוֹיס דֶעם עִנְיַן הַחֵרוּת, אוּן עֶרְשְׁט צוּם סוֹף מַטְבִּילִין - וָואס אִיז בְּלוֹיז אַ מִנְהָג.

לוֹיט דֶעם וָואס דָאס קִינְד זֶעט פְּרִיעֶר, הָאט מַטְבִּילִין גֶעדַארְפְט זַיְין אָדֶער גָאר צוּם סוֹף (וַוייְל דֶער עִיקָר אִיז דֶער טִיבּוּל שֵׁנִי), אָדֶער עַל כָּל פָּנִים נָאךְ מְסֻבִּין, וַוייְל מְסֻבִּין אִיז דָאךְ בַּיי קִידּוּשׁ, נָאךְ פַאר דֶעם עֶרְשְׁטְן טִיבּוּל[ג].

---

1. This phrase introduces the four questions. Traditionally, it is understood as a question: How is this night different from all other nights? However, the wording allows for it to be read as an exclamation: How different is this night from all other nights!

2. **This order is also found in the** ***Talmud Yerushalmi's*** **version of the Mishnah** (*Pesachim* 10:4), **Rabbeinu Yitzchak Alfasi's** *Halachos* (*Pesachim* 25b, **Rabbeinu Asher's** *halachic* commentary (*Pesachim* 10:30) **(however, the last two questions are omitted there; the amendment of** ***Bach*** **on Rabbeinu Yitzchak Alfasi** loc. cit. **requires analysis), the** ***Siddur*** **of Rav Amram** ***Gaon*** **(the** version found in the **British Museum manuscript), the** ***Siddur*** **of Rav Saadia** ***Gaon*****,** ***Rambam*****,** ***Tur*****, Avudraham** (although that source does not list all four questions, from the fact that it **mentions** the question regarding **dipping** before the question regarding ***maror***, it is apparent that it follows this order), **Rabbi Yitzchak Abarbanel's** ***Zevach Pesach, Pri Eitz Chayim, shaar*** **21, ch. 7;** ***Siddur HaArizal; Mishnas Chassidim, et al.*** This is also the order of the questions **in the first printed** ***Hagadah*** **(Soncino, 1485).**

3. I.e., in contrast to the era of the *Beis HaMikdash,* when partaking of *maror* together with the Pesach sacrifice was a Scriptural *mitzvah*. See **the Alter Rebbe's** ***Shulchan Aruch, Orach Chayim,*** **sec. 475:15.**

4. The first dipping – a vegetable in saltwater – directly after *Kiddush,* is merely a custom, while the second dipping – *maror* in *charoses* – is mentioned in the Talmud.

5. **On the surface, it is possible to say that the reason why the question**

## What Attracts Attention

**2. Certain people are of the opinion that Scriptural commandments must be fulfilled with the full force** of Jewish commitment, **to the extent of** actual **self-sacrifice. Rabbinical commandments,** they claim, **must also** be observed **with strong determination, because** doing so is also mandated by the Scriptural **commandment, "You shall not deviate [from their words],"** (as the *Rambam*[6] **elaborates at length regarding safeguards and precautions** instituted by our Sages – and **particularly Rabbinical commandments – for they are included in** the prohibition of **"You shall not deviate."**)

**However,** they say that regarding **customs, "If they come easily, fine, but one is not obligated to sacrifice himself for them."**

**Furthermore,** such people may **argue that when one needs to educate children in the way of the Torah,** communicating the importance of Jewish customs **is very difficult.** After all, motivating children to fulfill everything Jewish Law requires (Scriptural commandments, Rabbinic ordinances, customs, etc.) may be challenging, **Sometimes,** they suggest, **it is worthwhile to overlook customs and concentrate only on instilling a strong commitment to essential matters,** Scriptural and Rabbinic mandates.

**The lesson** conveyed by **the order of the questions** addresses **this concern: The first thing that a child asks about – the first thing that he notices and that makes an impression on him – is not a matter of Scriptural Law or Rabbinic Law, but a Jewish custom. This captures his eye and has the greatest effect on him.**

ב. עֶס זַיְינֶען פַאַראַן אַזֶעלְכֶע וָואס זָאגְן אַז מִצְוֹות דְאוֹרַיְתָא דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיְין מִיט אַ תּוֹקֶף בִּיז מְסִירַת נֶפֶשׁ. אוֹיךְ מִצְוֹת דְּרַבָּנָן דַארְפְן זַיְין מִיט שְׁטַארְקַיְיט, וַוְיְיל זֵיי גֵייעֶן אַרַיְין אִין דֶער מִצְוָה "לֹא תָסוּר", (וּכְמוֹ שֶׁהֶאֱרִיךְ הָרַמְבַּ"ם[ו] בְּעִנְיַן הַגְּדָרִים, הַסְיָגִים וּבִפְרַט הַמִּצְוֹות דְּרַבָּנָן שֶׁהֵם בִּכְלַל לֹא תָסוּר), אָבֶער מִנְהָגִים - אִיז אוֹיבּ זֵיי קוּמֶען אָן גְרִינְג, מֵהֵיכִי תֵּיתֵי, אָבֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיְין זִיךְ אוֹיף דֶעם אִיז מֶען נִיט מְחוּיָב.

נָאךְ מֶער טַעֲנֶה'ן זֵיי: בְּעֵת מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיְין קִינְדֶער בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אוּן אַלְץ אוֹיסְפִירְן אִיז דָאךְ זֵייעֶר שְׁוועֶר, - אִיז אַמָאל כְּדַאי צוּ פַארְקוּקְן אוֹיף מִנְהָגִים, אוּן אָפְּגֶעבְּן זִיךְ נָאר אוֹיף אַרַיְינְגֶעבְּן אִין זֵיי שְׁטַארְקַיְיט אִין עִנְיָנִים עִיקָרִיִים.

אִיז אוֹיף דֶעם דִי אָנְוַוְיְיזוּנְג פוּן דֶעם סֵדֶר הַקֻשְׁיוֹת: דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ קִינְד פְרֶעגְט, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר בַּאמֶערְקְט אוּן עֶס מַאכְט אוֹיף אִים אַן אַיְינְדְרוּק, אִיז נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן דְאוֹרַיְיתָא אָדֶער אַ דְרַבָּנָן, נָאר אַ מִנְהַג יִשְׂרָאֵל, דָאס פַארְכַאפְּט זַיְין אוֹיג, אוּן הָאט אוֹיף אִים דִי גְרֶעסְטֶע ווִירְקוּנְג.

---

**regarding reclining is last is that it was added much later than the first questions. In other words,** it was only added **after people ceased to recline while eating** as an ordinary practice **throughout the year. For this reason, it is not mentioned in the Mishnah or the Gemara, as explained by the Vilna *Gaon*.**

**Nevertheless, this interpretation requires much analysis because *Rambam* (*Hilchos Chametz U'Matzah* 8:2) mentions the question regarding reclining and also the question regarding** eating **only roasted** meat, a question that was appropriate only in the era of the *Beis HaMikdash.* **Thus,** it indicates **that the question regarding reclining was already asked in the era of the *Beis HaMikdash.***

**Note that *Pri Eitz Chayim,* loc. cit.,** states that the **order** beginning with dipping **corresponds to the spiritual realms as listed in an ascending order: *Asiyah, Yetzirah, Beriah,* and *Atzilus.***

6. ***Hilchos Mamrim* 1:1-2. See** *Rambam's Sefer HaMitzvos,* **positive commandment 174, negative commandment 312.**

**If a child's conduct and** that of those close to him **will resemble that of** his **non-Jewish surroundings, then even if he has a fixed time to study Torah and he will pray, fulfill commandments, and the like,** his Jewish observance may be lacking. **Since his conduct will resemble that of** the other people in **his surroundings – it is not noticeable that he is a Jew, and he does not sense the distinction between the Jews and other nations, that "You have chosen us from all peoples"**[7] **– the holiness necessary** to accompany his observance **will not be sensed even in the commandments which he fulfills and in the Torah that he studies.**

Moreover, **when the foundation — the** sensitivity to the **holiness of the Torah and the holiness of the commandments — is missing, it is possible that, over time,** this will lead to **a lack in his actual observance of the commandments.**

אוֹיב דִי הַנְהָגָה פוּן דֶעם קִינְד אוּן אַרוּם אִים וֶועט זַיְין עֶנְלֶעךְ צוּ דֶער נִיט־אִידִישֶׁער סְבִיבָה, אִיז אוֹיבּ אֲפִילוּ עֶר וֶועט הָאבְּן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט דַאווְנֶען, מְקַיֵים זַיְין מִצְוֹת, אוּן אַזוֹי וַוְיְיטֶער. וְוִיבַּאלְד אָבֶּער אַז אִין זַיְין אוֹיפְפִירוּנְג אִיז עֶר גְלַיְיךְ צוּ דֶער סְבִיבָה, אוֹיף אִים אִיז נִיט קֶענְטִיק אַז עֶר אִיז אַ אִיד אוּן בַּיי אִים הֶערְט זִיךְ נִיט אָן דֶער הַמַבְדִיל בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִים, דֶער אַתָּה בְחַרְתָּנוּ מִכָּל הָעַמִים, בְּרֶענְגְט עֶס, אַז אוֹיךְ אִין דִי מִצְוֹת וָועלְכֶע עֶר אִיז מְקַיֵים אוּן אִין דֶער תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט הֶערְט זִיךְ נִיט אָן דִי נוֹיטִיקֶע קְדוּשָׁה.

אוּן וֶוען עֶס פֶעלְט אִין דֶעם יְסוֹד - קְדוּשַׁת הַתּוֹרָה וּקְדוּשַׁת הַמִצְוֹת - אִיז מֶעגְלֶעךְ אַז מִיט דֶער צַיְיט זָאל בַּיי אִים פֶעלְן, חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיךְ אִין קִיוּם הַמִצְוֹת בְּפּוֹעֵל.

## Shaping Jewish Identity

3. The primary reason for meticulous observance of **Jewish customs** is that these customs **are** an integral element of **Torah** practice, **as it is said,**[8] **"Jewish custom is Torah."** This applies **even to a custom** observed by **women.**[9] Their observance is included in the instruction of our Sages,[10] when commenting on the verse,[11] **"Lest you weigh the path of life"**: "Do not sit and **weigh** the *mitzvos* of the Torah," trying to evaluate **which** commandment or particular practice **is of greater importance.** That directive implies that **one must not neglect any facet** of observance.

**Beyond that,** the observance of customs es-

ג. אוֹיסֶער דֶעם וָואס מִנְהָגֵי יִשְׂרָאֵל זַיְינֶען אַלֵיין תּוֹרָה, וְוִי דֶער מַאֲמָר: מִנְהַג יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה הִיא (וַאֲפִילוּ מִנְהַג נָשִׁים[ה]), דַארְף מֶען נִיט שׁוֹקֵל זַיְין וָואס אִיז וִויכְטִיקֶער, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט, אֹרַח חַיִּים פֶּן תְּפַלֵּס[ו], וּבְמֵילָא טָאר מֶען דָאךְ נִיט פַארְבּוֹיגְן אוֹיף קֵיין שׁוּם זַאךְ, - אִיז

7. The intermediate blessing of the festival in the *Shemoneh Esreh.*

8. *Tosafos,Menachos* 20b, s.v. nifsal; the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 081:6, 432:11, 494:16.

9. ***Talmud Yerushalmi, Pesachim* 4:1; *Pirkei D'Rabbi Eliezer,* ch. 45.**

10. ***Yalkut Shimoni, Mishlei,*** sec. 937.

11. ***Mishlei* 5:6.**

tablishes **the primary foundation of Jewish education** – that from his childhood, **a youth becomes aware that he is different from everyone else; he knows that he is a Jew. He acquires this** recognition **principally through Jewish customs. Customs are immediately obvious; they are what primarily ingrains in** a youth **the feeling that "You have chosen us from all peoples," from which follows "and You have brought us near, our King, to Your service,"[7] which then serves as the foundation and maintains the entire Torah.**

This is reflected in **our Sages'** teaching,[12] **"Serving Torah [scholars] surpasses studying [under them],"** for by serving them, one is able to observe their performance of even the most minute detail of Jewish practice and appreciate the pride and pleasure they feel in Jewish observance.

אויסער דעם דער ערשטער יְסוֹד פון חִינוּך: דאָס קינד זאָל וויסן אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע, ער זאָל וויסן אַז ער איז אַ איד. און דאָס באַקומט ער בְּעִיקָר דורך מִנְהֲגֵי יִשְׂרָאֵל. מִנְהָגִים וואַרפן זיך אין די אויגן; זיי בְּעִיקָר קאַרבן אַיין אין אים דעם געפיל אַז אַתָּה בְחַרְתָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים, וואָס דערפון איז געקומען וְקֵרַבְתָּנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ - דער יְסוֹד און קִיוּם פון דער גאַנצער תּוֹרָה.

אַזוי ווי די רַזַ"ל זאָגן[יב]: גְּדוֹלָה שִׁמּוּשָׁהּ יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ.

## Looking to the Horizon

**4. When we educate** our **children properly, teaching them that Jewish customs are also Torah and that one must be** willing to **sacrifice oneself for them,** we have laid the foundation for the redemption. **Then, we can say, "We were slaves to Pharaoh in Egypt, and G-d our L-rd brought us out from there with a strong hand and an outstretched arm."** The recitation of this passage instills within us the anticipation **that despite the doubled and redoubled darkness of exile, "as in the days when [we] left Egypt," G-d will "bring us out from darkness to a great light," and "we will thank You with a new song."**[13] Furthermore, as indicated by the fact that the *Hagadah* uses **the masculine – not the feminine – form for "a new song,"**[14] **this will be a complete and true redemption, never to be followed by exile; the redemption led by** ***Mashiach;*** may it occur **speedily in our days.**

ד. בְּשַׁעַת מען איז מְחַנֵּךְ קינדער ווי עס דאַרף זיין, און מען לערנט זיי אַז אויך מִנְהַג יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה הִיא, און מען דאַרף זיך אויף דעם מוֹסֵר נֶפֶשׁ זיין, דעמאָלט זאָגט מען: עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, וַיּוֹצִיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ מִשָּׁם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה; אַזוי איז אויך איצטער, כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, ניט קוקנדיק אויף דעם חֹשֶׁךְ כָּפוּל וּמְכֻפָּל פון גָּלוּת, איז יוֹצִיאֵנוּ מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל, און נוֹדֶה לְךָ שִׁיר חָדָשׁ, ניט שִׁירָה חֲדָשָׁה לְשׁוֹן נְקֵבָה נאָר שִׁיר חָדָשׁ לְשׁוֹן זָכָר[יד], אַז עס וועט זיין די גְאוּלָּה שְׁלֵימָה וַאֲמִתִּית שֶׁאֵין אַחֲרֶיהָ גָּלוּת, עַל יְדֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

(משיחת חגה"פ תשט"ז)

---

12. *Berachos* 7b.

13. The Pesach *Hagadah*.

14. See *Tosafos, Pesachim* 116b, s.v. *Hachi garsinon venomar.* See also *Shmos Rabbah* 23:11, which associates the male element with permanence.

א) בסדר הזה הוא במשנה שבירושלמי רי"ף ורא"ש (אבל שתי קושיות האחרונות חסרות שם. והגהת הב"ח ברי"ף צ"ע). בסי' רע"ג (כת"י ב"מ) בסי' רס"ג, רמב"ם, טור אבודרהם (מדמקדימין פי' קושיית מטבילין לפי' שאר ירקות) זבח פסח למהר"י אברבנאל, פע"ח שער כא פ"ז, סידור האריז"ל, מ"ח ועוד. וכן הוא בהגדה הראשונה שבדפוס (שונצינו 5841).

ב) שולחן ערוך אורח חיים לרבנו הזקן סימן תעה סעיף טו.

ג) ולכאורה הי' אפשר לומר הטעם על מה שקושיית מסובין באה לבסוף, כי נתוספה זמן רב אחרי קושיות הראשונות, היינו כשחדלו מלאכול בהסיבה כל השנה. ולכן לא נזכרת במשנה וגמרא, וכפירוש הגר"א. אך פירושו צע"ג, כי ברמב"ם הלכות חמץ ומצה פרק ח הלכה ב הביא קושי' מסובין וגם קושית כולו צלי, הרי דהיו שואלין מסובין גם בזמן ביהמ"ק. – ועיין בפע"ח שם אשר סדר זה מתאים לסדר העולמות מלמטה למעלה: עשי' יצירה בריאה אצילות.

ד) הלכות ממרים בתחלתו, וראה ספר המצות מ"ע קעד. מל"ת שיב.

ה) ירושלמי פסחים פרק ד הלכה א ופרקי דר' אליעזר פרק מה.

ו) משלי ה, ו. ילקוט שמעוני שם.

ז) ברכות ז, ב.

ח) זע תוספות פסחים קטז, ב ד"ה ה"ג ונאמר.

# PESACH II | חג הפסח ב

Adapted from a *sichah* delivered on the second night of Pesach, 5718 (1958)

## Introduction

Reincarnation (*gilgul neshamos*) figures prominently in Jewish mystical thought, yet appears less frequently in practical discussions of Jewish observance. In this *sichah*, the Rebbe examines a puzzling statement from the *Hagadah* that touches on that subject: Rabbi Elazar ben Azariah's declaration that he is "*like* a 70-year-old man." A subtle linguistic nuance – the comparative *chof* in ***ki****ben shiv'im shanah* – opens a window into a profound spiritual insight. In truth, Rabbi Elazar ben Azariah was much younger, but citing the teachings of the *Arizal*,[1] the Rebbe explains that Rabbi Elazar was 70 when his experience in a previous incarnation is added.

Building on this teaching, the Rebbe assures us that we can draw upon the positive spiritual accomplishments from our soul's previous journeys. Past failings need not haunt us, for only goodness endures. Any of our deficiencies will be refined by repentance and Divine justice. Our inheritance of spiritual merit empowers us, enabling us to achieve what might otherwise seem beyond our capacities.

This truth stretches beyond personal growth to our collective destiny. When we wonder how our generation could possibly merit the coming of *Mashiach* when previous, seemingly worthier generations did not, the Rebbe provides an inspiring answer: We stand on their spiritual shoulders, inheriting their accumulated merits while contributing our own unique service.

---

1. *Siddur HaAriZal, Hagaddah Shel Pesach,* section *Amar Rabi Elazar.*

# Capitalizing on a Spiritual Inheritance

## Revealing the Inner Elder

**1.** The *Hagadah* relates that Rabbi Elazar ben Azariah declared, **"I am *like* a 70-year-old** [man]." As **the Talmud**[1] **states, Rabbi Elazar ben Azariah was a lot younger, it is only that** overnight, **he grew eighteen rows of white hair. As such, he appeared as an elder. This is the implication of the phrase, *kiben shiv'im shanah,* "*like* a 70-year-old** [man]," **employing a comparative** *chof.*

**As such, the continuation** of Rabbi Elazar ben Azariah's statement – **"yet I did not merit** [that the **Sages accept my ruling – that the Exodus from Egypt should be mentioned at night]" – is difficult to understand. According to the simple meaning of the phrase,** that he was literally 70 years old, the incomprehensible aspect of the Sages not accepting Rabbi Elazar ben Azariah's ruling **was not only because of** his great **wisdom, but also because he was an elder, 70 years old and had devoted much time to this matter.** Since he was both wise and apparently an elder, his opinion **should have prevailed**[2] **and** been accepted by the other Sages **as the** binding **law. However, since he merely appeared to be an elder** this would **undermine the argument that the law should follow his opinion?**

**As is well known,**[3] **the analogies and examples given by the Torah are not mere comparisons, but rather they derive** in a chainlike process of spiritual descent **from the analogue which they represent. In a similar vein, the very fact that Rabbi** Elazar ben

**א. הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה:**

וועגן דעם לָשׁוֹן הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה, בְּכָ"ף הַדִּמְיוֹן, זָאגְט דִי גְמָרָא[ט] אַז בֶּאֱמֶת אִיז רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה גֶעוועֶן אַ סַךְ אִינְגֶער, נָאר אַהַדְרוּ לֵיהּ תַּמְנֵי סְרֵי דָרֵי חִיוּוְרְתָּא - עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַכְצְן שׁוּרוֹת ווַיְיסֶע הָאר, - הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ זָקֵן. אוּן דָאס אִיז דֶער דִּיּוּק כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה, מִיט אַ כָּ"ף הַדִּמְיוֹן בִּלְבַד.

לוֹיט דֶעם אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק וָואס עֶר זָאגְט ווַיְיטֶער וְלֹא זָכִיתִי כו'. לוֹיט דֶער פַּשְׁטוּת הַלָּשׁוֹן אִיז דֶער ווָאוּנְדֶער פוּן "וְלֹא זָכִיתִי" נִיט נָאר מִצַּד חָכְמָה, נָאר אוֹיךְ מִצַּד דֶעם וָואס עֶר אִיז אַ זָקֵן כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה אוּן הָאט אַ סַךְ צַיְיט אָפְּגֶעגֶעבְּן אוֹיף דֶעם, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מְנַצֵּחַ זַיְין' עֶס זָאל זַיְין הֲלָכָה כְּמוֹתוֹ, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט בְּלוֹיז אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ זָקֵן פַאלְט דָאךְ אָפּ דִי טַעֲנָה עֶס זָאל זַיְין הֲלָכָה כְּמוֹתוֹ?

נָאר עֶס אִיז יָדוּעַ[יא] אַז דִי מְשָׁלִים וְדוּגְמָאוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה זַיְינֶען נִיט סְתַּם מְשָׁלִים, נָאר זֵיי ווֶערְן נִשְׁתַּלְשֵׁל פוּן זֵייעֶר נִמְשָׁל, אִיז דָאס גוּפָא וָואס

1. *Berachos* 28a.

2. This is how Rabbi Ovadia of Bartenura explains the word "merit" in *Berachos* 1:5.

3. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 118ff.

Azariah **appeared as an elder was because in a spiritual sense he was truly a 70-year-old elder. As stated in *Siddur HaArizal*, when combined with his years from his previous incarnation,**[4] **he had reached 70 years of age.**

**Since spiritually he was an elder, it was incomprehensible to him that he "did not merit..." to have the law follow his opinion.**

A further point: **Since his spiritual age was connected with a matter of Torah – that the law** should **follow his opinion** because of his age **– and Torah governs physical reality, this was expressed in the fact that even his most external physical aspects (his hair, which is secondary to the skin**[5]**) actually appeared as that of a 70-year-old man. For, as is evident from the statement of the *Talmud Yerushalmi***[6] **on the verse,**[7] **"to G-d who completes for me," the reality of the world conforms to the legal decisions of the Torah.**

נִרְאָה כְּזָקֵן - אִיז דָאס ווַיְיל בְּרוּחְנִיּוּת אִיז עֶר בֶּאֱמֶת גֶעוועֶן אַ זָקֵן בֶּן שִׁבְעִים שָׁנָה, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס שָׁטֵייט אִין סִידּוּר הָאֲרִיזַ"ל אַז בְּצֵירוּף זַיְינֶע יָארְן פוּן עֶרְשְׁטְן גִלְגוּל אִיז עֶר גֶעוואָרְן דֶעמָאלְט בֶּן שִׁבְעִים שָׁנָה.

אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר מְסַיֵּים בִּתְמִיָּה וְלֹא זָכִיתִי כו': מִצַּד דֶעם ווָאס בְּרוּחְנִיּוּת אִיז עֶר גֶעוועֶן אַ זָקֵן, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט זוֹכֶה זַיְין, דִי הֲלָכָה זָאל זַיְין ווִי עֶר.

אוּן דוּרְךְ דֶעם ווָאס דִי זִקְנָה בְּרוּחְנִיּוּת הָאט זִיךְ פַארְבּוּנְדְן מִיט אַן עִנְיָן פוּן תּוֹרָה, הֲלָכָה כְּמוֹתוֹ, ווָאס תּוֹרָה גֶעוועֶלְטִיקְט אוֹיף גַשְׁמִיּוּת, הָאט זִיךְ עֶס אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיךְ אַז עֶר הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ בֶּן שִׁבְעִים שָׁנָה, אֲפִילוּ אִין זַיְינֶע גַאנְץ אוֹיסֶערְלֶעכֶע עִנְיָנִים (שַׂעֲרוֹת - הָאר - הַטָּפֵל לִבְשָׂרוֹ[ב]), אוּן לוֹיט דֶעם מַאֲמַר הַיְרוּשַׁלְמִי[ג] אוֹיף דֶעם פָּסוּק לָאֵ־ל גּוֹמֵר עָלָי, אַז דִי מְצִיאוּת פוּן ווֶעלְט ווֶערְט לוֹיט דֶעם פְּסַק דִין פוּן תּוֹרָה.

## Tapping Into Past Lives

**2. This** narrative contains **a lesson** relevant **to everyone in their Divine service. Most of the souls in these generations are not new souls; instead, they already existed in a previous incarnation.**[8] Accordingly, **when** a person **faces a challenge in Divine service that, in his current incarnation, appears beyond his abilities and capacities to overcome, he should know that the goodness from a previous incarnation can also be revealed within him. This** positive energy will **assist him in his Divine service in** his **day-to-day life: not only in**

ב. דִי אָנְווַיְיזוּנְג פוּן דֶעם אִין עֲבוֹדָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם:

רוֹב נְשָׁמוֹת אִין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת זַיְינֶען נִיט קֵיין נַיְיעֶ נְשָׁמוֹת, נָאר זֵיי זַיְינֶען שׁוֹין גֶעוועֶן אַמָאל אִין אַ גִלְגוּל. אִיז בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט צוּ אַן עִנְיָן אִין עֲבוֹדָה ווָאס מִצַּד זַיְינֶע כֹּחוֹת אוּן עִנְיָנִים פוּן דֶעם אִיצְטִיקְן גִלְגוּל זֶעט עֶר נִיט אַז עֶר זָאל עֶס קֶענֶען דוּרְכְפִירְן, דַארְף עֶר ווִיסְן, אַז עֶס קֶען בַּיי אִים אוֹיךְ נִתְגַּלֶּה ווֶערְן דֶער טוֹב פוּן פְרִיעֶרְדִיקְן גִלְגוּל, אוּן דָאס הֶעלְפְט אַרוֹיס אִין זַיְין עֲבוֹדָה, נִיט

---

4. He was a reincarnation of the Prophet Shmuel, who lived 52 years. Combining his 18 years and Shmuel's 52 produces a sum of 70 (*Siddur HaAriZal, Hagaddah Shel Pesach,* section *Amar Rabi Elazar; Likkutim* at the end of *Sefer Hagilgulim,* (p. 35d, in the Frankfurt 1684 edition); *Hagaddah Shel Pesach, Simchas HaRegel* (*Chida*), *ibid.*).

5. ***Eruvin*** **4b.**

6. See ***Talmud Yerushalmi,*** *Kesubos* 1:2; ***Nedarim*** **6:8,** *et al.*

7. *Tehillim* 57:3.

8. **See *Shaar HaGilgulim, hakdamah* 3, and the conclusion of *hakdamah* 4. This is not the place** for further discussion of the matter.

relation to his **intellect and emotions,** his **internal faculties, but also in** relation to his **thought, speech, and action,** his modes of expression that are – **like hair – external.**

נָאר אִין שֵׂכֶל אוּן מִדּוֹת - כֹּחוֹת פְּנִימִיִּים - נָאר אוֹיךְ אִין מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה - עִנְיָנִים חִיצוֹנִיִּים (דוּגְמַת הַשַּׂעֲרוֹת) - אִין טָאגְטֶעגְלֶעכְן לֶעבְּן[יד].

## Only Goodness Endures

**3. At first glance, one might question: If the** positive **elements of** a person's **life in a previous incarnation are combined** with those of this present lifetime to elevate his spiritual standing, **seemingly, the negative aspects would also be included. Who is able to know what his spiritual state was in a previous incarnation? So how will he be able to draw the strength to battle against evil and perform his Divine service?**

ג. אִין פְּלוּג קֶען מֶען פְרֶעגְן: אוֹיבּ מֶען אִיז מְצָרֵף דִי עִנְיָנִים פוּן פְרִיעֶרְדִיקְן גִלְגּוּל, וֶועְרְט דָאךְ אִין פְּלוּג דֶער רַע אוֹיךְ נִצְטָרֵף, אוּן וֶוער ווייס ווי אִיז גֶעוֶוען זַיְין מַצָּב אִין פְרִיעֶרְדִיקְן גִלְגּוּל, אִיז פוּן וַואנֶען זָאל עֶר נֶעמֶען כֹּחוֹת אוֹיף קֶעמְפְן מִיטְן רַע אוּן טָאן זַיְין עֲבוֹדָה?

אִיז דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם:

**In resolution: Good is an everlasting reality. When a Jew performs a *mitzvah*, it remains forever, as stated in *Tanya*,[9] "Above, the unity [generated] is eternal, [enduring] for all time." By contrast, evil has no genuine existence; it is merely a concealment and a veil,** hiding G-d's light. Thus, **if** the person **already received a punishment, whether physical or spiritual, for what he did,** the punishment will have **purified** him from the sin. And if **he has repented for** the sin, **certainly, the evil has already been nullified. How much more so** is this true if his **repentance was motivated by love,** in **which** instance, his **intentional sins were transformed into merits.**[10]

טוֹב אִיז אַ מְצִיאוּת נִצְחִי. בְּשַׁעַת אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה בְּלַײַבְּט עֶס אוֹיף שְׁטֶענְדִיק, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין תַּנְיָא[טו], "וְיִחוּד זֶה לְמַעְלָה הוּא נִצְחִי לְעוֹלָם וָעֶד". אָבֶּער רַע אִיז קֵיין מְצִיאוּת נִיט, עֶס אִיז מֶער נִיט ווִי אַ הֶעְלֵם וְהֶסְתֵּר, אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ הַמְמָרֵק (אַ שְׁטְרָאף וָואס לַײטֶערְט אוֹיס), בְּגַשְׁמִיּוּת צִי בְּרוּחְנִיּוּת, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן, אָדֶער אַז עֶר הָאט אַף דֶערוֹיף תְּשׁוּבָה גֶעטָאן, אִיז דָאךְ אַ וַדַּאי דֶער רַע שׁוֹין בָּטֵל גֶעוָוארְן. וּמִכָּל שֶׁכֵּן בִּתְשׁוּבָה מֵאַהֲבָה - וָואס זְדוֹנוֹת נַעֲשִׂים כִּזְכֻיּוֹת[טז].

## Standing on Giants' Shoulders[11]

**4. These** concepts **also provide an answer to those who ask: If the previous generations did not merit the revelation of *Mashiach,* how then is it possible that nowadays – when the question, "Has the generation become more worthy?"**[12]

ד. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַן עֶנְטְפֶער צוּ דִי וָואס פְרֶעגְן, ווִי קֶען דָאס זַיְין אַז דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע דוֹרוֹת הָאבְּן נִיט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גִילּוּי הַמָּשִׁיחַ, אוּן אִיצְטֶער וָואס אַכְשׁוּר דָּרָא בִּתְמִיָּה, וֶועט מֶען

9. *Tanya,* **ch. 25.**

10. ***Yoma*** **86b.**

11. See the beginning of *Shibolei HaLeket,* quoted in the series of *maamarim* entitled *Yom Tov shel Rosh HaShanah, 5666,* p. 400.

12. ***Yevamos*** **39b.**

זוֹכֶה זַיְין צוּ גִילוּי הַמָּשִׁיחַ - אִיז דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם, אַז אִין אִיצְטִיקְן דוֹר אִיז דָא אוֹיךְ דֶער טוֹב פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע דוֹרוֹת כַּנַ"ל, דֶערְפַאר וֶועט מֶען אִיצְטֶער דַוְקָא זוֹכֶה זַיְין לְבִיאַת הַמָּשִׁיחַ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

(משיחת ליל ב׳ דחגה"פ תשח"י)

can legitimately be raised – **we will merit the revelation of *Mashiach*?**

**The answer to this is that the present generation also possesses the goodness of the previous generations, as mentioned above. Therefore, specifically now we will merit the coming of *Mashiach;*** may he come **speedily in our days.**

---

ט) ברכות כח, א.

י) זכיתי כפירוש הרע"ב שם.

יא) זע אויך אויבן ע׳ 811 און ווייטער.

יב) עירובין ד, ב.

יג) נדרים פרק ו הלכה ח.

יד) זע שער הגלגולים הקדמה ג׳ וסוף הקדמה ד. ואכ"מ.

טו) פרק כה.

טז) יומא פו, ב.

# PESACH III | חג הפסח ג

Adapted from the *Sichos* of Pesach, 5712 (1952) and 5717 (1957)

## Introduction

The Pesach *Seder* presents us with a profound lesson regarding the power of unity that characterizes the experience of this festival. Using the well-known passage of the four sons, this *sichah* highlights their positioning – the wicked son appears directly adjacent to the wise son.

Each of the four sons – wise, wicked, simple, and unable to ask – harbors an essential oneness, "*echad*," a core of holiness that connects them to G-d and to one another. The *Hagadah* teaches us that the wise son bears a special responsibility for reaching the wicked son. The additional potential granted him implies a mission; he has an obligation to extend himself to his neighbor. Through the relationship he initiates, both are transformed – the wicked son discovers his innate goodness, while the wise son learns to master his own internal challenges.

The lesson extends beyond the traditional four sons to include a fifth category – the son who doesn't even appear at the *Seder* table. Pesach creates a truly inclusive table where everyone belongs – even those completely disconnected from our tradition – and brings us closer to a time when we all will thank G-d with "a new song," an expression of praise celebrating our people's complete, permanent Redemption.

# Four Sons, One Family

## All Children Are Dear

**1.** The *Hagadah* states: **"The Torah spoke concerning four sons: one wise, one wicked, one simple, and one who does not know how to ask." This passage** contains several **problematic** aspects:

**The order of the four sons, placing the wicked** son **next to the wise son** raises a question. **Seemingly,** the sons **should have been listed according to the order of** the relevant **prooftexts in the Torah:**[1] **the wicked** son, **the simple, the one who does not know how to ask, and the wise. Alternatively,** they should have been listed **according to their standing: the wise son, the simple, the one who does not know how to ask, and the wicked.**

Indeed, mystically, the latter order **follows the structure of the** spiritual **worlds:** ***Atzilus***, ***Beriah, Yetzirah,*** **and** ***Asiyah,*** **as stated in the writings of the** ***Arizal.***[2] **The wise** son parallels the world of ***Atzilus***, **for "the supernal father"** – the *sefirah* of ***chochmah*** ("'**wisdom**') – **"nests in** ***Atzilus***." **The wicked** son parallels the world of ***Asiyah,*** **for** the realm of ***kelipah*** **is close to it.**[3] **The simple** son parallels the world of ***Beriyah,*** **and** the son who **does not know how to ask** parallels the world of ***Yetzirah.***

**The straightforward explanation is that they are listed according to the order of their wisdom.**[4] **Alternatively, first, the loftiest level is mentioned, then, the lowest, and afterwards, those in between.**[5]

א. כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תוֹרָה אֶחָד חָכָם וְאֶחָד רָשָׁע וְאֶחָד תָּם וְאֶחָד שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל:

אִין דֶער פִּיסְקָא אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק:

א) דֶער סֵדֶר פוּן דִי אַרְבָּעָה בָּנִים, וָואס עֶר שְׁטֶעלְט אַוֶועק דֶעם רָשָׁע לֶעבְּן חָכָם, לִכְאוֹרָה הָאט עֶר זֵיי גֶעדַארְפְט שְׁטֶעלְן אָדֶער לוֹיט סֵדֶר הַמִּקְרָאוֹת: רָשָׁע, תָּם, שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, חָכָם. אָדֶער לוֹיט זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת: חָכָם, תָּם, שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל אוּן רָשָׁע.

- וָואס אַזוֹי אִיז דָאךְ זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת אוֹיךְ מִצַּד סֵדֶר הָעוֹלָמוֹת, ווִי עֶס אִיז פַאראַן אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל[ז] אַז דִי אַרְבָּעָה בָּנִים זַיְינֶען כְּנֶגֶד דִי ד' עוֹלָמוֹת, חָכָם - בַּאֲצִילוּת (דְאַבָּא - חָכְמָה - עִילָאָה מְקַנְּנָא בַּאֲצִילוּת), רָשָׁע - בַּעֲשִׂיָּה שֶׁהַקְּלִיפָּה קְרוֹבָה שָׁם[ח], תָּם - בִּבְרִיאָה, וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל - בִּיצִירָה.

אִין פַּשְׁטוּת קֶען מֶען פַארְעֶנְטְפֶערְן, אַז עֶר רֶעכְנְט זֵיי כְּדֶרֶךְ חָכְמָתָם[ט]; אוֹיךְ קֶען מֶען זָאגְן אַז פְרִיעֶר רֶעכְנְט עֶר דֶעם קָצֶה הַיּוֹתֵר עֶלְיוֹן, נָאכְדֶעם, דֶעם קָצֶה הַיּוֹתֵר תַּחְתּוֹן, אוּן צוּם סוֹף דִי וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ צְווִישְׁן[י].

---

1. The prooftexts that mention sons asking questions concerning Pesach are as follows: *Shmos* **12:26**-27 mentions the wicked son; *Shmos* 13:14, the simple son; *Shmos* 13:8, the son who does not know how to ask; and *Devarim* **6:20**-25, the wise son. See *Likkutei Sichos,* Vol. 27, p. 185, footnote 23.

2. ***Pri Eitz Chayim, shaar*** **21, ch. 7.**

3. **See also** ***Tanya,*** **ch. 6.**

4. **This interpretation is** also **found in** ***Avudraham.*** To explain: the wicked son is also wise; it is only that his wisdom is misdirected.

5. **See a similar order of listing by** ***Tosafos, Bava Kama*** **4b, s.v.,** ***shomer chinam.***

**Nevertheless, everything in the Torah involves precise detail. Since the wicked son is placed next to the wise son, we are compelled to say that there is a connection between them. This is particularly true** since the wording of the *Hagadah* is ***ve'echad rasha,*** **("and one wicked")** connecting the two with **a *vav*** that implies **linkage.**[6]

**Clarification is thus necessary:**

**a) Since the wise** son **represents the loftiest level and the wicked** son **the lowest level, how can the two be placed next to each other, particularly, when connected with a *vav*** that implies **linkage?**

**b) The answer to the wicked** son is: **"'For the sake of this, G-d wrought** miracles **for me, when I left Egypt,'**[7] [which implies], **'For me' and not 'for him.' Were he to have been there, he would not have been redeemed." This requires explanation. If he has no connection at all with the Exodus from Egypt, why does the *Hagadah* mention him, and why do we speak about him at the *Seder?* Moreover,** we see that **we are told to concern ourselves with him, as the *Hagadah*** explicitly **says, "Tell him...."**

**c) According to the teachings of the *Arizal,***[8] **the four cups** of wine **correspond to the four sons: the first cup, to the wise** son, **the second cup to the wicked** son, **etc.** Now, **the main body of the *Hagadah* is recited over the second cup. On the surface,** this is problematic. **Since "had he had been there, he would not have been redeemed," why is the recitation of the main body of the *Hagadah* connected specifically to what is said to the wicked** son?

**d)** The order of the *Hagadah* is that it begins with an **introduction relating** what is said to the four

אִין תּוֹרָה אִיז דָאךְ אָבֶּער יֶעדֶער עִנְיָן בְּדִיּוּק, אִיז וַוִיבַּאלְד אַז מֶען שְׁטֶעלְט פָּארְט דֶעם רָשָׁע לֶעבְּן דֶעם חָכָם, מוּז מֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז צְווִישְׁן זֵיי דָא אַ שַׁיְיכוּת, וּבִפְרָט אַז עֶר זָאגְט "וְאֶחָד רָשָׁע" מִיט אַ וָא"ו הַמּוֹסִיף[כא]. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וַוִיבַּאלְד אַז חָכָם אִיז קָצֶה הַיּוֹתֵר עֶלְיוֹן אוּן רָשָׁע קָצֶה הַיּוֹתֵר תַּחְתּוֹן, ווִי קֶען מֶען זֵיי שְׁטֶעלְן אֵיינֶער לֶעבְּן צְווֵייטְן אוּן נָאךְ אִין אַן אוֹפֶן פוּן וָא"ו הַמּוֹסִיף?

ב) דֶער עֶנְטְפֶער צוּם רָשָׁע אִיז, בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרַיִם, לִי וְלֹא לוֹ אִלּוּ הָיָה שָׁם לֹא הָיָה נִגְאָל. אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: אוֹיבּ עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן קֵיין שַׁיְיכוּת נִיט צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אִיז ווִי קוּמְט עֶר אִין דֶער הַגָּדָה, וָואס רֶעדְט מֶען ווֶעגְן אִים אִין סֵדֶר, אוּן מֶען הֵייסְט נָאךְ פַארְנֶעמֶען זִיךְ מִיט אִים, ווִי דֶער לָשׁוֹן פוּן דֶער הַגָּדָה וֶאֱמוֹר לוֹ?

